גליון תורני

# שערי מדע

הרחבת הדעת בהיסטורי' וידיעות טבעיות
סביבות תבל ומלואה בהשקפה תלמודית

פרשת

## פ' בלק

תשפ"ה לפ"ק

נושא השבוע

## זיבעציג דעות

(בנוסף: Inter-brain **synchrony**)

הרב
**משה נחום קרויס**
עורך



## פארווארט

**תוכן: זיבעציג, איר סוד - די מושג פון IBS- פארוואס זיבעציג סנהדרין, א גילוי פונעם רמב"ן - דברים מבהילים פון רבי נחמן מברסלב - דער חזון איש האט מעיד געווען ווער עס איז ראוי צו זיין פון די סנהדרין בדורו - חרב אל הבדים, דער גדול וואס האט געהאט יסורים פון לערנען אליינס**

די נומער זיבעציג איז א ספעציעלע און גאר א יסודות'דיגע מספר, עס איז א נומער וואס פארמאגט א טיפע באדייט אין אלע הינזיכטן פונעם בורא אין דער נברא, פון יארן ביז מושגים. פון ימי שנותינו בהם שבעים שנה, ביז שבעים פנים לתורה, פון בשבעים נפש ירדה מצרימה, ביז די שבעים זקנים און סנהדרין, פון שבעים אומות ביז יי"ן און סו"ד שניתנה בשבעים אותיות, פון שבעים שמות להקב"ה (בעל הטורים בהעלותך) ביז די שבעים מלאכים שבשמים (פרקי דרבי אליעזר, הובא ברמב"ן פ' בהעלותך) עכ"פ זיבעציג פארמאגט גאר א שטארקע כח.

מיר ווילן אינעם דיזן מאמר ארומרעדן איבער א זייער אינטערעסאנטע סייענטיפיש"ע ערקלערונג איבער ווי מענטשליכע מוחות טוען ארבעטן ביינאזאם אויף גאר א אינטערעסאנטע אופן, און ווי וואונדערליך ווילן מיר בעז"ה צושטעלן א אינטערעסאנטע רמב"ן וואס ווארפט א ליכט איבער די נושא, און מ'וועט זעהן

מער איבער די שייכות פון זיבעציג מיט די וויסענשאפטליכע ערקלערונג פון Inter-Brain synchrony, ומענין לענין נאך עטליכע שיינע און אומבאוויסטע ידיעות, ובזה החלי בעז"ה.

## Inter-brain synchrony

**די** מושג פון IBS (די ראשי תיבות פון די קאפל) איז ווען צוויי אדער מער מענטשן קומען זיך צוזאם און טוען interaction איינע מיטן אנדערן, דאן געשעהט עס אטאמאטיש אז זייערע מוחות כוואליעס ווערט synchronized.

בעפאר מיר גייען אריין טיפער אין די מושג ווילן מיר אייך געבן גרינגע ביישפילן אז מ'זאל עס גרינגער פארשטיין.

לאמיר נעמען 'טאנצן' פאר א ביישפיל, עס איז דא א רינג מ'טאנצט ביי א חתונה, האט איר שוין אמאל אריינגעטראכט די וואונדערליכקייט ווי אזוי דער עולם יונג און אלט, רייך און ארים, דיק אדער דין, קלוג אדער נער'יש, אבער יעדער טאנצט אויפן זעלבן בי"ט, רעכטס-לינקס, ארויף אראפ, אויב בטעות וועט איינער געבן א טאנץ לינקס צו רעכטס בשעת ווען דער עולם טאנצט רעכטס-לינקס וועט די גאנצע רינג צושטערט ווערן. ווי אזוי איז דאס אז יעדער ווייסט ווען צו הייבן און ווען צו לייגן די פיס?

נאך א דוגמא, מ'זיצט ביי א דרשה, דער בעל דרשן איז א ריכטיגע פה מפיק מרגליות, עס גיסט זיך פערל ווערטער פון זיין מויל, דער עולם זיצט צוגענאגעלט אויפן פלאץ און מ'שלינגט מיט דארשט יעדע ווארט, און ווען דער בעל דרשן זאגט א גלייכווערטעל וועט דער עולם זיך מילד צושמייכלן אויפן זעלבן טא"ן, ווען ער איז מעורר דעם עולם וועט יעדער שאקלען מיטן קאפ אויפאיינמאל, ווי אזוי געשעהט עס?

נישט נאר בעולם המדבר זעהט מען עס נאר אויך בעולם החי, האט איר שוין אמאל געזעהן א פלאק פון פייגלען וואס פליען ביינאזאם אנדעם וואס איינער זאל אריינקראכן אינעם צווייטן? זיי פליען ממש ווי מלחמה פליגערס אדער כהיום ווען מ'קען פראגרעמען א סוואטע פון דראונ"ס וואס זאלן ארבעטן ווי איין גרופע ממש.

וואס ליגט אונטער די עולם המדבר והחי (און עס איז אויך בעולם הצומח)?

דא קומט אריין די מושג פון IBS ווי מענטשן וואס ארבעטן צוזאמען, זיצן צוזאמען ביי א דרשה, טוען א טעס"ק צוזאמען, טוען זייער מח כוואליעס קאמיונקירן אויף די זעלבע wavelength אזוי די מושג פון ראדיא סיגנאלן, און אומוויסענדיג טוט מען אויפכאפן די כוואליעס און מ'טוט ממש אלעס ווי איינ'ס. אויף אזוי ווייט אז די הארץ ראטעס און אפילו די בלוט דרוק ווערט אייניג, הפלא ופלא. (מ'האט עס געמאסטן מיט א EGG).

פארוואס האט הקב"ה אזוי באשאפן די בריאה, וואספארע תועלת האט מען דערפון? יעדע מענטש איז אייגנארטיג כשם שאין פרצופותיהן שוות כך אין דעותיהן שוות, קומט אויס אז יעדע מענטש פארקויפט עפעס וואס דער צווייטער פארקויפט נישט, און כדאי אז מ'זאל אנקומען צו די מאקסימום עכ"פ מער ווי בלויז די אייגענע החלטה, איז זייער וויכטיג אז מ'זאל זיך אויסטוישן די מיינונגען און אזוי צוקומען צו א פאסיגע החלטה.

דער הייליגער **גר"א** ערקלערט אויף וואס שלמה המלך זאגט **ותשועה ברוב יועץ**, לכאורה דארף ווען על פי דקדוק שטיין ותשועה ברוב **יועצים**, פארוואס שטייט א לשון יחיד **יועץ**? ערקלערט דער גר"א, אז בכדי צוציקומען צו די אמת'ע החלטה איז כדאי עס אויסצושמועסן מיט נאך מענטשן, און נאכן אויסהערן אלע צדדים און עס גוט אדורכטראכטן קען מען צוקומען צום ריכטיגן החלטה, ותשועה **ברוב** מ'שמועסט עס איבער מיט **רוב**, לבסוף **יועץ** מיט א איינצעלנע החלטה.

דעריבער האט הקב"ה אזוי מטביע געווען אין די בריאה די מעגליכקייט אז ווען מ'וויל קומען צו די החלטה אין א נושא וועלן די מח כוואליעס קאמיונקירן און אומוויסענדיג טוט מען פארשטיין די צד האחר און אזוי קומט מען אן צו א גוטע החלטה.

די מושג פון IBS איז נישט נאר לגבי מענטש צו מענטש צו קומען צו א ריכטיגע החלטה, עס איז אויך שייך בחיי יום יום פון טאנצן ביז סתם אנצוגיין, די IBS ערמעגליכט די שלום די הארמאניע אין די בריאה.

מ'קען נאך אסאך רעדן פון די חלק המדעי, אבער מיר ווילן צוקומען צו די חלק הרוחני שבו.

## שבעים זקנים - סנהדרין

**אין** פרשת בהעלותך לערנען מיר איבער די **שבעים זקנים** וואס הקב"ה האט באפוילן פאר משה רבינו אז זיי זאלן זיין די וואס וועלן מנחיל זיין די תורה מדור לדור, ווי דער רמב"ן על אתר שמועסט אויס אז פון דא איז די מקור פון די **שבעים סנהדרין**.

מיר לערנען אין די ערשטע משנה אין אבות איבער די מסורת התורה מדור לדור, **משה קיבל תורה מסיני, ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים** וכו'. - א אינטערעסאנטע הערה, נאך די **זיבעציג זקנים** געפונען מיר די **הונדערט אין צוואנציג אנשי כנסת הגדולה**, די צאל אנשי כנסת הגדולה איז געציילט פון הונדערט און צוואנציג זקנים (זעה ברכות לג). לכאורה פון ווי איז געקומען די נומער, די זקנים וואס זענען נסמך געווארן בימי משה "ויאמר ה' אל משה אספה לי שבעים איש מזקני ישראל" (במדבר יא) איז דאך געווען זיבעציג, און דאס איז געווען די מנין הסנהדרין (זעה סנהדרין ב.) ווי אזוי איז די צאל פארמערט געווארן?

הגאון **רבי ראובן מרגליות ז"ל** בספרו "**יסוד המשנה ועריכתה**" (בירורים פ"א) ערקלערט: נאכן חורבן בית ראשון, ווען עזרא האט צוריק אויפגעבויט כלל ישראל, האט זיך פארלאנגט א נומער מער ווי זיבעציג, די סיבה איז, ווייל פון ווען משה רבינו האט מסמיך געווען די זיבעציג זקנים האבן די זקנים ווייטער מסמיך געווען, ווען איינער פון זיי איז נפטר געווארן האבן די איבריגע ניין און זעכציג סומך געווען א נייעם, און אזוי ווייטער. און אפילו ברבות הימים ווען

קיינער פון די זיבעציג וואס משה האט מסמיך געווען זענען שוין נישט געווען עלי אדמות עכ"ז האט מען קיינמאל נישט מערער געווען אויף זייער סמכות צוליב כח כוחו, ס'איז גערעכענט געווארן כאילו משה אליינ'ס האט זיי מסמיך געווען. [הג"ה: ע"ע מש"כ האברבנאל בהקדמתו לנחלת אבות, שבעיקר היה השנים עשר נשיאים, ונלוו עליהם חכמים אחרים ראשי בני ישראל המה עת תשלום ק"כ, ע"כ.]

די שלשלת האט אנגעהאלטן ביזן חורבן בית ראשון ביז גלות בבל, דאן איז נפסקה השלשלת. ווי נאר עזרא איז צוריק ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל מיט א קליין חלק פון כלל ישראל, האט ער זיך תיכף משתדל געווען צוריקצושטעלן די כח הנהגה פון מסורה.

דא צייכענט אן רבי ראובן איז אים פארענטפערט געווארן א חידה סתומה, פון ווי קומט די נומער הונדערט אין צוואנציג אנשי כנסת הגדולה? ער פרעגט מער, מ'געפונט אין **ירושלמי** (מגילה פ"א ה"ה) אז די חותמי כתבי הקודש האבן דן געווען צו מ'זאל כולל זיין מגילת אסתר אין די כתובים, די וואס האבן דן געווען האבן זיך געציילט **פינף און אכציג**, פון ווי קומט די נומער פינף און אכציג? איז רבי ראובן משער אז די סיבה פון די נומער הונדערט און צוואנציג אנשי כנסת הגדולה איז געווען צוליב דעם וואס דאס איז געווען די סכום פון אלע גדולי התורה וואס זענען ראוי געווען צו זיין פון די סנהדרין, און וויבאלד די שלשלת האט זיך אפגעהאקט ביי גלות בבל, דעריבער אויב וואלט מען גענומען בלויז זיבעציג, און בית דין האט זיך צעטיילט פערציג להיתר און דרייסיג לאיסור (דאגס הייסט רוב פון זיבעציג להיתר) דאן וואלטן ווען די מיעוט געטענה'ט אז עס איז דא נאך גדולי התורה וואס זענען נישט פון די זיבעציג, און ווען זיי וואלטן ווען געווען פון די סנהדרין וואלטן זיי געפסקנט ווי זיי און געהאט רוב. דאס הייסט, ביז ווילאנג די מסורה איז אנגעגאנגען פון די שבעים זקנים, האט מען נישט מערער געווען, אבער איינמאל עס איז אפגעהאקט געווארן, און מ'פאנגט אן פון נאכמאל איז יש מקום לערעור, דעריבער האט מען גענומען אלע וואס זענען געווען ראוי זיך צו ציילן פון די סנהדרין און זיי אריינגענומען אין די נייע פארמירטע מוסד פון 'אנשי כנסת הגדולה', אבער פון דא און ווייטער אויב איינע פון זיי איז נסתלק געווארן האט מען נישט גענומען קיין נייע, און מ'האט געלאזט די סכום זאל נישט פאלן אונטער 'זיבעציג' כמאז ומקדם. דאס איז אויך די סיבה פארוואס בזמן די חותמי הקודש איז עס געווען פינף און אכציג, ווייל פון הונדערט און צוואנציג איז דאן נאר געבליבן פינף און אכציג, און ביז זיבעציג האט מען נישט צוגעלייגט קיין נייע. (זעה בפנים בספר יסוד המשנה ועריכתה דף ו, בהערה ז').

א אינטערעסאנטע זאך האבן מיר געפונען איבער דעם נושא בשייכות מיטן הייליגן **חזון איש** זצ"ל. עס איז געווען א איד רבי שלמה, וואס האט געלערנט בחברותא מיטן חזון איש מסכת סנהדרין, און זיי האבן דערביי געלערנט די **רמב"ם** אז **אין מושיבין בסנהדרין אלא מי שראוי להורות בכל התורה כולה**, האט דער חברותא רבי שלמה געפרעגט דעם חזון איש: לאמיר זיך מתאר זיין אז משיח קומט אן ממש יעצט, און מ'וועט דארפן צוריקשטעלן די סנהדרין, צו איז דא אין אונזער דור שבעים ואחד זקנים אזאנע וואס זענען ראוי **להורות בכל התורה כולה**?

למרבה פליאותו האט דער חזון איש גענומען זיין שאלה ערענסט, און האט אנגעפאנגען אויסצורעכענען במשך א שעה אחד לאחד די נעמען פון די גדולי הדור וואס זענען ראוי צו זיין פון די סנהדרין, דער חזון איש איז אריבער רוסלאנד, פולין, ליטא אונגארן ארץ ישראל און אפילו אמעריקע. מדי פעם האט רבי שלמה מעלה געווען נעמען פון גדולי הדור, אבער דער חזון איש האט עס דוחה געווען, אפילו זיי זענען געווען פאררעכענט פון די גדולי הדור, אבער לפי החזון איש זענען זיי נישט געווען ראוי צו זיין פון די סנהדרין, אזוי האט דער חזון איש אויסגערעכענט נעמען ביז ער איז אנגעקומען צו בלויז צוויי און דרייסיג רבנים וואס זענען ראויה צו זיין פון די סנהדרין.

מיר זענען זיכער אז די קוראי השער ווילן וויסן די נעמען פון די צוויי און דרייסיג, אבער רבי שלמה האט קיינמאל נישט געוואלט אויסזאגן די נעמען אויף וועם דער חזון איש האט אליינס מעיד געווען אז זיי זענען ראוי להורות בכל התורה כולה. ער האט בלויז מסכים געווען צו מגלה זיין צוויי נעמען, די צוויי ערשטע פון די ליסטע: דער **חפץ חיים** און רבי **מאיר שמחה** דער משך חכמה זכרונם לברכה (עס איז געווען נאך בעפאר דער חזון איש איז געקומען קיין ארץ ישראל). **הפלא ופלא.**

## שבעים - כל הכוחות כל הדעות

**נחזור** צום רמב"ן (שם), לאמיר ציטירן אויסצוגן פונעם רמב"ן וואס איז נוגע פאר אונזער מאמר, דא[א] דער רמב"ן שמועסט אויס וואס ליגט באהאלטן אונטער די נומער **זיבעציג** פארוואס דייקא זיבעציג זקנים, שרייבט דער רמב"ן אז די שבעים אומות די זיבעציג פעלקער איז צוליב זייער זיבעציג שפראכן, און יעדע אומה האט א

[א] "אספה לי שבעים איש מזקני ישראל" - כבר הזכירו רבותינו כי שבעים אומות הן בשבעים לשון ויש לכל אחת ואחת מזל ברקיע ושר למעלה כענין שנאמר בדניאל (י יג) ושר מלכות פרס וכתיב (שם) אצל מלכי (יון) פרס וכן והנה שר יון בא (שם פסוק כ) והוא שנאמר (ישעיהו כד כא) יפקוד ה' על צבא המרום במרום (מכילתא שירה ב) ואמרו (סוכה נה) כי פרי החג ירמזו בהם ובפרקי רבי אליעזר (פרק כד) אמר הקב"ה לשבעים מלאכים הסובבים כסא כבודו בואו ונבלבל לשונם ולכן היה המספר ביורדי מצרים שבעים **וצוה המספר הזה בשופטי ישראל כי המספר הזה יכלול כל הדעות בהיותו כולל כל הכחות ולא יפלא מהם כל דבר** וכן במתן תורה ושבעים מזקני ישראל ) שמות כד א( כי ראוי במספר השלם הזה שישרה עליהם כבוד השכינה כאשר היא במחנה העליון כי ישראל צבאות השם בארץ כמו שנעשה ארון וכפורת ומשכן בדמות המשמשין במרום ונעשו הדגלים בדמיון המרכבה אשר ראה יחזקאל להשרות שכינה עליהם בארץ כאשר היא שכינה בשמים והנה משה על גבי שבעים זקנים רמז לישראל שהוא גוי אחד בארץ וקבלו רבותינו (סנהדרין ב) כי כל סנהדרי גדולה היושבת בבית השם במקום אשר יבחר לשכנו שם כן יהיה מנינם שבעים והנשיא על גביהם כמשה רבינו והנה הם שבעים ואחד

מזל און א שר אין הימל, און ער ברענגט צו א **פרקי דרבי אליעזר** אז הקב"ה האט געזאגט ביי די דור הפלגה פאר די 'זיבעציג' מלאכים לאמיר מבלבל זיין זייער 'לשון'. דעריבער איז די מספר ביי די יורדי מצרים אויך געווען זיבעציג נפשות, דא שרייבט די רמב"ן דברים יסודיים: **וצוה המספר הזה בשופטי ישראל כי המספר הזה יכלול כל הדעות בהיותו כולל כל הכחות ולא יפלא מהם כל דבר**: הקב"ה האט דייקא באפוילן די נומער **זיבעציג** ווייל די נומער איז כולל אין זיך אלע דעות ווייל עס איז כולל אלע 'כוחות' ממילא ווען עס קומען זיך צוזאמען זיבעציג זקנים און סנהדרין איז לא יפלא מהם כל דבר.

נמצא למדין מדבריו אז ווען עס קומען זיך צוזאם זיבעציג סנהדרין איז עס די מאקסימום IBS וואס קען אלס זיין, און מ'רעדט נישטא פון סתם זיבעציג מענטשן, ווי מיר לערנען במסכת סנהדרין האבן זיי געדארפט זיין בקי בכל החכמות ובודאי בכל התורה כולה. דער רמב"ן איז אונז מגלה אז וויבאלד עס איז דא זיבעציג מלאכים און זיבעציג שרים פאר די אומות למעלה איז כולל אלע דעות און כוחות, מדהים.

אין די IBS שטודיע ציגן זיי איבער אז די מח כוואליעס צוזאמארבעט ארבעט די בעסטע ווען מ'איז פנים לפנים דאס הייסט ווען עס איז בבחינת **והיה עיניך רואות את מוריך** אז ווען מ'איז פיזיש אויף איין פלאץ און מ'זעהט די facial expressions טוט מען גוט צוזאמענארבעטן (דערקעגן ווען מ'קאמיוניקירט דורך טעקסט אד"ג איז עס נישט אזא מח כוואליעס צוזאמארבעט) נישט אומזיסט געפונען מיר במשנה **סנהדרין: סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה כדי שיהו רואין זה את זה**, די סנהדרין זענען געזעצן ווי א האלבע רינג, בכדי יעדע זאל קענען זעהן איינע די אנדערע. זעהן מיר אז מ'האט געלייגט דגוש אז מ'זאל זעהן די פנימ'ער בכדי די הייליגע מח כוואליעס זאל ווערן synchronized און מ'זאל קענען צוקומען צום ריכטיגן החלטה. דעריבער סנהדרין וואס איז כולו חייב איז זכאי, ווייל דאס מיינט אז מ'האט נישט אנגעפאנגן צו טראכטן די מח כוואליעס האבן זיך נישט צוזאמגעבינדן.

**עס** גייט נאך אסאך טיפער פארוואס זיבעציג איז די מאקסימום פון די כוחות, און פארוואס דייקא ווען מ'געפונט זיך פיזיש צוזאמען ארבעט עס בעסער, דאס לערנען מיר מתורת הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל.

דער הייליגער **רבי נחמן מברסלב זצ"ל** שרייבט זייער א אינטערעסאנטע זאך **בשיחות הר"ן** (אות עז[ב]) זעה לשונו הק' למטה בהג"ה: די גאנצע וועלט איז פיל מיט מחלוקת סיי צווישן פעלקער (רוסלאנד אוקריינע וכדו') סיי אין יעדע שטאט, און אזוי אויך צווישן די שכנים און אין יעדע הויז מאן און ווייב, די משרתים מיט די קינדער. שרייבט רבי נחמן, אז די מחלוקת צווישן די בני בית איז ממש איינס מיט די מחלוקת פון די אומות העולם צווישן לענדער און פעלקער, ווייל יעדע פון די בני בית איז א פאלק פאר זיך (יעדער איז א nation) און אזוי ווי עס איז דא מלחמות צווישן לענדער, אזוי איז די מלחמות אין שטוב.

מער שרייבט רבי נחמן, אז מ'קען אויך דערקענען וועלכע פאלק מ'איז (כלשונו: מאיזה בחינה של אומה הוא) ווייל יעדע אומה האט זייער אייגנארטיגער נאטור, כעסן, א רצחן וכיוצא [**בשערי מדע** מאמר **שרשי הלימוד באומה הישראלית** האבן מיר צוגעברענגט אז די 'דרך הלימוד' פון ישיבות איז אויך אפעקטירט געווארן פון די לאנד ווי די ישיבה האט זיך געפונען, מיר ווען דא[ג]

[ב] ונעתיק לשונו הקדוש: כל העולם מלא מחלוקות - הן בין אומות העולם, וכן בכל עיר ועיר, וכן בכל בית ובית בין השכנים, ובין כל אחד עם אשתו ובני־ביתו ומשרתיו ובניו. ואין מי שישים על לבו התכלית שבכל יום ויום האדם מת, כי היום שעבר לא יהיה עוד, ובכל יום הוא מתקרב למיתה. ודע שהכל אחד, שהמחלוקת שבפרטיות בין איש וביתו וכיוצא כנ"ל, הוא גם כן ממש המחלוקת שבין המלכים והאומות, **כי כל אחד מאנשי ביתו הוא בחינת אומה מיוחדת והם מתגרין זה עם זה כמו שיש מלחמות בין האומות**. וגם אפשר להכיר כל אחד מאיזה בחינה של אומה הוא, כי ידוע מידות האומות שזה כעסן ורוצח, וכיוצא. וכמו כן יכולין למצוא בפרטיות בבני הבית. ואפילו אם אחד אינו רוצה לריב, ורוצה לישב בהשקט ושלוה, עם כל זאת הוא מוכרח להיות גם כן בתוך המחלוקת והמלחמות. כמו שנמצא בין המלחמות שבין המלכים והאומות שנמצא לפעמים איזה אומה שרוצה לישב בשלוה ואין רוצה שום מלחמה, אדרבא - היתה מרוצה להשתחוות לחבירו כמה פעמים, עם כל זה חוטפין אותה גם כן על כרחה בתוך המלחמה, שזה אומר שיהיה מצדו וזה להיפך עד שנלחמין עמו גם כן. כמו כן ממש נמצא בפרטיות במלחמות הבית הנ"ל, כי האדם בעצמו הוא עולם קטן ונכלל בו כל העולם ומלואו, מכל שכן האדם וביתו שנכללין בהם כל האומות ונלחמין ומתגרין זה בזה, כנ"ל. **ועל כן לפעמים כשאחד יושב לבדו ביער יכול להיות שיהיה נעשה משוגע; וזה נעשה מחמת שהוא לבדו ונכללין בו לבד כל האומות, והם מתגרין זה בזה והוא מוכרח להשתנות בכל פעם לבחינת אומה אחרת כפי התגברות אומה על אומה שהם כלום נכללין בו לבדו, ומחמת זה יכול להשתגע לגמרי מחמת התהפכות הדעות שבו על ידי התגרות האומות שנכללין בו לבדו כנ"ל;** אבל כשהוא בישוב בין אנשים, יש מקום להמלחמה להתפשט בכל אחד מהבני בית או בין השכנים, כנ"ל. המחלוקת שבבית הצדיק הוא גם כן בחינת מלחמות האומות כנ"ל. גם נכללין שם בחינת מלחמות השבטים שהיו נלחמין זה על זה - אפרים על יהודה (שופטים י"ב)וכיוצא. וכשיבוא משיח במהרה בימינו אז יתבטל כל מיני מחלוקת ויהיה שלום גדול בעולם, כמו שכתוב (ישעיהו י"א, ט'): "לא ירעו ולא ישחיתו" וכו':

[ג] איינע פון די בולטימ'דיגע חילוקים בין ישראל לישראל איז די 'דרך הלימוד' אינו דומה דרך הלימוד הבריסקאית לדרך הלימוד ההונגרית, ואינו דומה דרך הלימוד הגליצאית לדרך לימוד הפולנית, ואינו דומה דרך הלימוד הליטאי לדרך הלימוד הספרדי. די חילוקים פונעם דרך הלימוד איז נולד געווארן צוליב כמה סיבות, סיי צוליב די מקום ומדינה, ווי חז"ל במס' סוטה (מה) לערנען אונז אז 'מקום גורם' די אקלים, די קלימאט, האט א שטארקע גורם איבער די ערציאונג און מהלך החיים והלימוד פון אירע איינוואוינער.

אין **תפארת ישראל** (יכין סוף מס' קידושין) ערקלערט עס בטוב טעם: ע"י **מחוז הארץ אקלים שנולד ודר בו האדם, גם זה יפעל על גופו וכו' וכ"כ בחכמה ומדות הנפש נבדלים יושבי ארץ אחת מיושבי ארץ אחרת, אלו חכמים ואלו סכלים, אלו זריזים ואלו עצלים, אלו בטבעם מחוממים ואלו מקוררים וכו' - וכן אמרו חז"ל** (מדרש רבה פ' שלח) **יש ארץ מגדלת גבורים ויש ארץ מגדלת חלשים. ואמרינן** (מכות ט) **בגלעד שכיחי רוצחים, אלמא דגם מידות האדם יתכוננו לפי מקום גדולו, ואמרינן** (בבא בתרא) **אוירא דארץ ישראל מחכים** (עי' בשערי מדע מאמר אוירא דארץ ישראל מחכים) - וכ"ה בקידושין מ"ט בעשרה קבין וכו' ירדו לעולם אלמא דטבע הארץ ג"כ יפעל הרבה: באידיש: די מדות און חכמה פון די מענטשהייט ווענדט זיך אויך אין די געגענט אין לאנד ווי מ'איז געבורין, עס זענען דא לענדער ווי אירע איינוואוינער זענען שנעלער און זענען דא לענדער ווי אירע איינוואוינער זענען פוילע, עס זענען קלוגע און עס זענען דא נישט קלוגע. מיר

געפונען לענדער וואס ציען אויף רוצחים וכו' זעהן מיר אז די מקום און קלימאט געבן אסאך צו צי די מהות און געדאנקענגאנג פונעם מענטש.

לדוגמא: די ליטאים (מדינת ליטא) האבן ליב די שיטת ה'מחקר' און 'התעמקות' (פארטיפן) בכל דבר עד ליסודו, דאס איז אויך די טבע פון די רוסן. דערקעגן די פולישע האבן ליב אלסדונג צו וויסן מכח סקרנות (נייגער) נאכדעם וואס זיי האבן ארויס דעם ענין גוט, דאן זענען זיי ממשיך צו האנדלען דערמיט. - זה לעומת זה, די דרך הלימוד הליטאי אדער ווי מ'רופט עס היינט הדרך הישיבתית הליטאית דאס איז די סגנון הלימוד וואס **הגר"ח מבריסק** זצוק"ל האט אריינגעברענגט, אט די דרך הלימוד איז געבויט אויף הבנה וואס דרינגט אריין אין סברא פון יעדע זאך 'וואס שטייט דא?' וואס איז די יסוד? מ'קריכט נישט ארום, נאר מ'גראבט אריין טיפער און טיפער ביזן יסוד, און דאס טוט אויסקלארן סוגיות און פארענטפערן סתירות. די דרך ברענגט ארויס די מח היהודי מ'איז זיך מעמיק טיף טיף און מ'שווימט ארויף מיט א קלארקייט - דאס איז די טבע פון אנשי ליטא מחקר און התעמקות.

דערקעגן די דרך הלימוד הפולנית איז 'לדמות מילתא למילתא' - אין פולין האט מען געצילט צו וויסן 'אלעס' מ'האט זיך נישט מתספק געווען בגמרא און אירע נושאי כלים, נאר מ'האט מפלפל און מצלצל געווען מ'האט מדמה געווען מילתא למילתא בחידושים נפלאים המשמים לב ונפש.

צו האבן א הגדרה איבער די חילוק צווישן די דרך הליטאי און די דרך הפולנית קען מען זעהן פון די סיפור: **הגאון האדיר רבי מנחם זעמבא** זצוק"ל הי"ד מגדולי גאוני פולין האט זיך אמאל געטראפן מיט **הגאון רבי ברוך בער** זצוק"ל בעל ה'ברכת שמואל'. רבי מנחם האט פארגעלייגט זיינע חידושים בדרך פלפול הפולנית, דערנאך האט ער זיך אנגערופן צו רבי ברוך בער, נו, יעצט לאמיר הערן וואס דער ראש הישיבה האט צו זאגן?

האט רבי ברוך בער אנגעהויבן מיט א רמב"ן און ער האט עס מסביר געווען במתינות און מיט עמקות, רבי מנחם האט אים מפסיק געווען, "דאס זאגט דער רמב"ן, לאמיר הערן וואס דער ראש הישיבה האט צו זאגן?'

התרגש רבי ברוך בער עד מאוד, און ער האט געזאגט: עס איז שוין צוויי יאר וואס מיר פלאגן זיך צו פארשטיין די ווערטער פונעם גרויסן רמב"ן, און יעצט האב איך באקומען א הסכמה פון א גדול בתורה אז דאס איז די הסבר אינעם רמב"ן אזוי ווי איך האב עס ערקלערט!

די סיפור ברענגט ארויס די מהלך הפולנית פון 'גיין ווייטער, שואף צו זיין נאך' און דערקעגן די דרך הליטאי פון בלייבן ביי די זאך און גראבן און מעמיק זיין ביז מ'פארשטייט עס קלאר.

ציטירן א קליינע חלק פונעם מאמר בבחינת תן לחכם ויחכם] איז ער ממשיך: אפילו איינער ווילן זיצן בשלום ובשלוה, סיי ביי לענדער, עס איז דא לענדער וואס זיכן דייקא נישט קיין מלחמות בבחינת לעב און לאז לעבן, עכ"ז ווערן זיי אומווילענדיג אריינגעשלעפט אין מלחמות, ווי אזוי אויך אינדערהיים עס זענען דא וואס זענען בבחינת ביקש לישב בשלוה, מ'זוכט נישט קיין ארגומענטן מ'וויל נאכגעבן אבי עס זאל זיין שלום, אבער אפילו זיי קענען זיך נישט ארויסדרייען פון מחלוקת, די סיבה דערפאר איז, ווייל יעדע מענטש איז א **עולם קטן**, און אין זיך פארמאגט מען עולם ומלואו, ומכל שכן א מענטש מיט זיינע בני בית וואס זענען ווי אלע פעלקער וואס טוען זיך כסדר שלאגן צווישן זיך.

דעריבער, שרייבט רבי נחמן מורא'דיגע ווערטער: מ'וועט זעהן ווען איינער געפונט זיך אליינס אין וואלד, קען ער ממש משוגע ווערן (כשאחד יושב לבדו ביער יכול להיות שיהיה נעשה משוגע), דאס געשעהט צוליב דעם ווייל ער איז אליינס און אין אים געפונען זיך אלע אומות, און וויבאלד די אומות שלאגן זיך צווישן זיך כסדר דעריבער וויבאלד ער איז אליינס, טוט ער זיך כסדר טוישן פון איין אומה צום אנדערן, ער איז א רוסישער מיט א פינישער, א אוקריינער מיט א דרום אפריקאנער, א עגיפטישע און א אמעריקאנער, דעריבער קען מען ממש משוגע ווערן צוליב **התהפכות הדעות** די נאכנאדע איבערקערעניש פון איינע nation צום אנדערן.

אבער אויב געפונט מען זיך בישוב בין אנשים **יש מקום להמלחמה להתפשט** איז דא גענוג פלאץ פאר די מלחמות זיך אויסצושפרייטן, אנשטאט זיין אליינ'ס א געמיש פון פעלקער, קען מען זיך איינטיילן צווישן די בני בית, שכנים וכדו', עי' בדבריו בפנים (למטה בהערה). עד כאן תוכן דבריו.

הנוגע לענינינו, וויבאלד די מיינונג פארשידענהייט איז יסודה פון די **שבעים אומות**, ממילא איז די רמב"ן פארשטענדליך פארוואס ווען מ'קומט אן צו די נומער זיבעציג פארמאגט עס אלע **דעות** און אלע **כוחות**, עס די מאקסימום דעות נוגדות וואס איז שייך. דעריבער ווען מ'דארף צוקומען צו אלע מיני דיעות וואס פארלאנגט די זיבעציג סנהדרין זאלן באשליסן, נעמט אלע צוזאם אויף איין ארט, אזוי יעדע פארמאגט א איינציגע קלארע דעת אן קיין אינערליכע מלחמה, און דורך די חכמת הבורא פון inner Brain Synchrony קען יעדער טראכטן קלאר מיט זיין דעת, און דערביי קאמיונקירן מיט די אנדערע סנהדרין און אזוי קומט ארויס די אמת בשלימות.

## חרב אל הבדים - בדידות

**חז"ל** (תענית ז) לערנען אונז איבער די וויכטיגקייט פון לערנען מיט א חברותא. תורה איז ווי פייער '**הלא כה דברי כאש נאם ה**'' גענוי ווי פייער אינו דולק יחידי, איין שפענדל ברענט נישט, נאר צוויי אדער דריי אויפאמאל (רש"י), אזוי אויך דברי תורה אין מתקיימין ביחידי, תורה האלט זיך נישט ווען מ'לערנט אליינ'ס. **והיינו דאמר רבי יוסי בר חנינא מאי דכתיב חרב אל הבדים וגו' חרב על שונאיהן של תלמידי חכמים שעוסקין בד בבד בתורה**, ת"ח וואס לערנען אליינ'ס, ולא עוד אלא שמטפשין וכו' (זעה מהרש"א מכות י).

א גרויסע גדול בתורה וואס איז נפטר געווארן עטליכע יאר צוריק און איז געווען באוויסט מיט זיין אויסערמענטשליכע התמדה, און פלעגט זיצן שעות על גבי שעות פאר יארן לאנג 'אליינ'ס' און לערנען מיט א אויסערגעוועגליכע זיסקייט. זיין 'בדידות' זיין אפגעזונדערקייט און לערנען אליינ'ס איז געווען א שם דבר, און איטליכע האבן תולה געווען זיין ידיעות התורה צוליבן לערנען אליינ'ס.

ער אליינ'ס פלעגט אייביג זאגן 'מ'דארף לערנען מיט א חברותא'. האט איינמאל א מקורב זיינע אים געפרעגט, די רבי אליינ'ס לערנט דאך כל ימיו אליינ'ס אן קיין חברותא?

האט דער גדול געענפענט את סגור לבו און געזאגט: פון גאר א יונגע יארגאנג האב איך בוחר געווען אין די דרך, אבער איך גלייב נישט אז עס איז דא נאך איינער אין די דור

וואס איז מסוגל צו פארנעמען די דרך, איך בעהט אז קיינער זאל פון מיר קיין דוגמא נישט נעמען.

א תלמיד חכם האט אמאל מחליט געווען נאכצומאכן די סדר היום פונעם גדול, זיך פשוט ארייגזעצען אין א בית המדרש און עוסק זיין בתורה בבדידות ובהתמדה יומם ולילה, לערנען אליינ'ס טאג און נאכט. דער תלמיד חכם האט באזוך געהאלטן אז ער פארמאגט גענוג כוחות הנפש צו קענען פירן די לעבנססטייגער, זיין משפחה האט שוין אויך מסכים געווען דערצו. בעפאר ער האט עס געטון למעשה, איז ער געגאנגען צום גדול זיך דורכצורעדן מיט אים. די תשובה פונעם גדול איז געווען 'לא', ניין, די ווערסט נישט מסוגל זיין עס צו טון. און האט דערביי צוגעלייגט, די יסורי הבדידות וואס איך בין אריבער במשך מיין לעבן איך גלייב נישט אז עס איז דא נאכאיינער וואס קען עס אריבערטראגן.

אין א זעלטענע פאל, האט דער גדול אנדעקט א פאקט איבער זיין בדידות: געווען איז עס אין מיינע אינגע יארן ישבתי ולמדתי בבית המדרש בבדידות, איך בין געזעצן און געלערענט אליינ'ס אין בית המדרש, איין טאג האט זיך געשטארקט אין מיר די יסורי הבדידות, ממש אזוי שטארק אז איך האב געשפירט אז אויב גיי איך נישט יעצט ארויס פון בית המדרש און באגעגענען א מענטש און שמועסן מיט אים, בין איך נאנט לצאת מדעתי ח"ו אראפצוגיין פון זינען! (שיחות הר"ן?) איך האב צוגעמאכט די גמרא, און ארויס פון בית המדרש און איך האב געשפאנט צו די גאס זיך צו טרעפן מיט א מענטש א נפש חי'. הגעתי עד שער החצר, איך בין אנגעקומען ביז די טויער פון די הויף, עצרתי לרגע, איך האב מיר אפגעשטעלט פאר א רגע, ומלחמה החלה להתחולל בקרבי, א מלחמה האט זיך אנגעפאנגן אפצושפילן אין מיר. לבסוף בין איך צוריק אריין אין בית המדרש, איך האב צוריקגעעפענט די גמרא און אנגעפאנגן צו לערנען פונדאסניי.

כיום, האט דער גדול מסיים געווען, האלט איך אז איך האב 'נישט' גוט געטון דאן, נאר איך וואלט ווען געדארפט ארויסגיין רעדן צו איינעם.

## עפילאג:

**די** מושג וואס חוני המעגל לערנט אונז או חברותא או מיתותא פארמאגט א טיפערן באדייט, ווען מ'איז צוזאמען בדיבוק חברים ארבעטן די מח כוואליעס אויפן זעלבן wave length די מענטש איז אזוי באשאפן געווארן צו אויסשמועסן און אויסארבעטן זאכן צוזאמען, מענטשן וואס וואוינען אין שטעט מיט מער מענטשן זענען געווענליך מער אויסגעריבן ווייל זיי זענען כסדר ארומגענומען מיט מער מענטשן און זיי טוען מיטיילן זייערע מח כוואליעס. דרייט אייך ארום קלוגע און ערליכע מענטשן וועט זיך אייער דעת און החלטה מער אויסברייטערן. און בעיקר וואס מיר זעהן אז הפוך בה והפוך בה אלסדונג געפונט מען אין די תורה אפילו די IBS מושג.

## מכון שערי מדע

**הרב משה נחום קרויס**
**עורך ראשי**

■ ■ ■

להערות והארות און אזוי אויך פאר סיי וועלכע אינפארמאציע

אדער צו ערהאלטן אונזער וועכנטליכע גליון דורך אימעיל

**פארבינדט אייך מיט'ן מכון אויף:**
Moshe@dermentch.com

**אדער פעקסט צו:**
718.228.4311

■ ■ ■

כל הזכויות שמורות

© Copyright '15 by:

**Mechon Sharei Mada**

No part of this Gilyon may be reproduced in any form, without written permission from the copyright holder.

■ ■ ■

**יזכר לטובה**
את נשמת אחי היקר הרב **חיים יהודה** ז"ל
ביבלחט"א אאמו"ר רבי אהרן שליט"א
הוא הגבר אשר יעצנו להוציא לאור גליון
הלז, ועמד לימיני לסמכיני ולחזקינו בכל עת
ועידן, ויהא זה לעילוי נשמתו הטהורה

**Weekly Page Layout by:**

מערכת להתענג
Lehisaneg@gmail.com